בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת אמור (חו"ל) תשע"ז** **אבות פרק ג׳** **גליון 359 [שנה ח׳]**

### אלעס באקומט מען פון עלטערן

אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם: (כ"א א) שטייט אין מדרש: הדא הוא דכתיב יִרְאַת ה׳ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד (תהלים י"ט י), כבוד מורי חמי הגאון ר׳ יוסף פרעסבורגער דער בעל תפארת יוסף אב"ד מאטטערסדארף זצוק"ל איז מסביר דעם מדרש: דער אויבערשטער האט מורא געהאט אז די בני אהרן ווערן זיך גרויסהאלטן מיט דעם וואס עס שטייט נאר פאר זיי, "לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו", האט דער אויבערשטער געזאגט, אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים, משה זאל זיי זאגן: בְּנֵי אַהֲרֹן, זייער גאנצע קדושה קומט פון אהרן און נישט פון זיך אליין, דאס מיינט דער מדרש: "יִרְאַת ה׳ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד" ווייל אהרן הכהן האט געהארעוועט אין יראת שמים טהורה, דעריבער איז געווען עוֹמֶדֶת לָעַד, און דאס האט ער איבערגעגעבן פאר זיינע קינדער. (בית ישראל מאטטערסדארף) דאס איז א לימוד פאר א מענטש וואס האט גוטע מעלות און מדות טובות, נישט זיך גרויס האלטן, נאר וויסן אז אלעס וואס ער האט איז וואס עלטערן האבן געהארעוועט אויף זיך און דאס איז איבער געגאנגען צו זיי. וואס מען הארעוועט האט מען פאר זיך, און אויך פאר די שפעטערדיגע דורות.

### אין דעם זעלבן אויפן

פרעגט דער הייליגן חת"ם סופר אז עס שטייט אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן: (כ"א א) פארוואס שטייט נישט וואס מען זאל זאגן צו די כהנים! ענטפערט דער חת"ם סופר אז מען זאל זאגן די כהנים אז זיי שטאמען פון א הייליגן פלאץ, ווייל זיי זענען בְּנֵי אַהֲרֹן, און דעריבער דארפן זיי אכטונג געבן און זיין מער הייליגער ווי אנדערע אידן, און נאכדעם וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם זאג זיי די דינים פון כהנים. (תורת משה)

### הכנה פארן יו"ט הויבט זיך אן פון פריערדיגן שבת קודש

דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם מוֹעֲדֵי ה׳ אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי: (כ"ג ב) דארף מען פארשטיין אז עס שטייט שוין וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם מוֹעֲדֵי ה׳, פארוואס פיהרט אויס דער פסוק נאכאמאל אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי? אויך דארף מען פארשטיין די סמיכות פון יום טוב צו שבת וואס שטייט גלייך נאכדעם (פסוק ג׳) שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן מִקְרָא־קֹדֶשׁ כָּל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ שַׁבָּת הִוא? נאר דער תכלית פון יו"ט איז צו מרגיש זיין קדושת יו"ט, און דאס דערגרייכט מען נאר דורך זיך גרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צום יו"ט, דעריבער זאגט די תורה אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי, וואס איז דער תכלית פון יו"ט? מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ, פילן די קדושת יום טוב, און די עצה צו מרגיש זיין א קדושת יום טוב, איז דורך דעם וואס א איד וועט זיך צוגעוואוינען צו צוגרייטן צום שבת, און מאכן א הכנה צום שבת קודש און אזוי וועט ער מרגיש זיין קדושת שבת, און ווייל שבת איז א גאנץ יאר, וועט מען זיך קענען אויך צוגעוואוינען זיך צו גרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צום יו"ט, און אזוי קענען מרגיש זיין קדושת יום טוב. (קב ונקי חתן ר׳ מאיר מפרימישלאן)

### מען קען צולייגן צו דעם מהלך און פארענטפערן א תוס׳

אז עס שטייט אין אלע חסידישע ספרים אז דער שבת פארן יום טוב איז גרעסער פון דער יום טוב ווייל די הארות פון יום טוב קומען פון די פריערדיגן שבת, און עס שטייט אין זוהר הק׳ כל בִּרְכָאִין ביום השביעי תַּלְיָה – אלא ברכות קומען פון דעם שבת– ומההוא יומא מתברכין – און פון יענעם טאג, שבת, ווערן געבענטשט– כל שִׁתָּא יומין – די זעקס טעג פון די וואך עכ"ל הזוהר, ממילא קען זיין דער ענין פון סמיכות יום טוב און נאכדעם פון שבת צו לערנען לויטן פריערדיגן פשט אז מען וועט מאכן די ריכטיגע הכנה פארן שבת פריער פון יום טוב וועט שוין די יום טוב זיין מיט ליכטיגקייט און מיט קדושה. מיט דעם הייליגן זוהר קען מען פארענטפערן א קשיא פון תוספות וואס פרעגט אז די גמ׳ (סנהדרין דף נט.) ברענגט א דרש פון פסוק חָצְבָה עַמּוּדֶיהָ שִׁבְעָה: (משלי ט א) אלו שבעה ימי בראשית, פרעגט תוס׳ אויף דעם דרש, אז דער אויבערשטער האט דאך געארבעט זיבן טעג, בשעת עס שטייט בפירוש וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי (שמות כ׳ ח) ער האט גערוהט אין זיבעטן טאג? קען מען ענטפערן אז לויטן זוהר הק׳ פון פריערט אז אלע ברכות קומען פון שבת קודש ממילא האבן אלע זיבן טעג א שייכות דאס מיינט חָצְבָה, דער אויבערשטער האט איינגעגראבן, עַמּוּדֶיהָ, די יסוד פון די גאנצע וואך, איז די שִׁבְעָה, דעם שבת קודש וואס פון דעם קומען אלע ברכות. (שמח זבולון)

### א שיינע דרוש אויף קבלת עול מלכות שמים פון אבני נזר

וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר וְאַחַר יֹאכַל מִן־הַקֳּדָשִׁים: (כ"ב ז) די גמ׳ (ברכות דף ב.) דרשענט פון דעם פסוק אז בִיאַת שִׁמְשׁוֹ – מעכבתו מלאכול בתרומה, ואין כפרתו מעכבתו מלאכול בתרומה. דאס מיינט א כהן וואס איז געווען א טְבול יוֹם מעג עסן קדשים נאך וואס די זון גייט אונטער און מוז נישט ווארטן אויף אינדערפרי ווען ער ברענגט א קרבן. און פון דעם איז די לימוד פון די גמ׳ אויף די משנה וואס שטייט מאימתי קורין את שמע בערבית, "משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן" אז די זמן ק"ש של ערבית איז צאת הכוכבים. פרעגט דער הייליגער אבני נזר א פליאה עצומה: ווייל לכאורה עס איז משמע פון די משנה אז ק"ש מיט אכילת תרומה האבן א שייכות, פרעגט ער וואס האט א שייכות ק"ש של ערבית מיט שעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן? ענטפערט דער גאון אז באמת דארף מען פארשטיין פארוואס האט די תורה געהייסן אז א טבול יום דארף ווארטן אויף הערב שמש צו עסן קדשים, אויב ער האט שוין געטויבל׳ט איז ער שוין טהור! נאר מען לערנט ארויס פון דעם א חידוש עצום אז אפילו דער מענטש האט זיך געטויבל׳ט, אבער וויבאלד אין יענעם טאג איז ער נאך געווען טמא, בלייבט נאך עפעס א רושם פון טומאה די גאנצע טאג און דאס גייט אוועק פון מענטש נאר באנאכט ביי הערב שמש, וואס עס קומט א נייע טאג און א נייע התחדשות פון מענטש דעמאלט גייט אינגאנצן אוועק יענע רושם פון טומאה,

דאס זעלבע איז ביי די קדושה פון קבלת עול מלכות שמים וואס א מענטש איז מקבל אינדערפרי בלייבט מיט אים א גאנצן טאג און ביי הערב שמש גייט אוועק יענע רשימה פון קבלת עול מלכות שמים פון יענעם אינדערפרי, און ער דארף נאכאמאל מקבל זיין עול מלכות שמים. ממילא איז שוין פארשטענדיג די שייכות פון ק"ש של ערבית וואס די משנה פרעגט מאימתי קורין ק"ש של ערבית וואס דאס איז מקבל עול מלכות שמים פון די נאכט דאס זעט מען פון כהנים נכנסין לאכול בתרומתן ביי צאת הכוכבים וואס דעמאלטס איז אויך א נייע התחדשות לגבי די טהרה פון מענטש. שרייבט זיין אייניקל אין הקדמה אז עס שטייט אין ספר פרי עץ חיים פון ר׳ חיים וויטאל שער מנחה פ"א, א קשיא פארוואס האט מען נישט מתקן געווען זאגן ק"ש ביי מנחה און מקבל זיין עול מלכות שמים? און ענטפערט אז די רשימה פון קבלת עול מלכות שמים פון שחרית בלייבט נאך ביי מנחה ע"כ, איז משמע פון דעם אז נאך מנחה ביי מעריב בלייבט שוין נישט דעם רשימה און דעריבער דארף מען נאכאמאל לייענען ק"ש פאר א פרישע קבלת עול מלכות שמים (הקדמה פון אבני נזר על התורה)

זעלטענע געלעגנהייט צו פארקויפן א הגדה של פסח געדרוקט אין זיטאמיר גליונות רחבות וכמו חדש
אויך א תהלים אמרות טהורות און א תהלים מיט ע"ט געדרוקט אין זיטאמיר שיינע מצב

# מדור העובדות
# רבי ר' מאיר'ל מפרימישלאן האט געדולד און טוט צוויי חסדים אין איין מאל

הרה"ק רבי **יוסף ברוך הלוי אפשטיין** פון ניישטאט (תקס"ב - י' באדר תרכ"ז) איז געווען דער זון פון היילגן רבי ר' קלונימוס קלמן הלוי עפשטיין מקראקא דער מחבר פון ספר "מאור ושמש", מען האט אים גערופן "דער גוטער איד" ער איז נאך געווען ביים היילגן חוזה מלובלין און שפעטער א תלמיד פון הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל ווען דער גוטער איד איז געווארן 50 יאר אלט האט ער מחליט געווען אז ער וויל זיך באזעצן אין ארץ ישראל על התורה ועל העבודה זיין אשת חיל האט זיך נישט מתנגד געווען ווייל זיי האבן געהאט בטחון אז דער אויבערשטער וועט זיי העלפן. ר' **יוסף ברוך** איז געווען צופרידן צו הערן אירע הסכמה און האט געזאגט ער וועט גיין פרעגן זיין רבי'ן דער הייליגער ר' מאיר'ל מפרימישלאן. ער איז אנגעקומען קיין פרימישלאן און פרעגט דעם היילגן רבין פאר א ברכה, פרעגט אים דער רבי פון וואו וועסטו נעמען געלט? האט ער געזאגט ער וועט גיין צו זיינע ידידים און גוטע אידן וואס וועלן איהם העלפן! זאגט איהם ר' מאיר'ל איך בין נישט מסכים אז דו זאלסט אוועק געבן צייט פון דיין הייליגע עבודה, ווייל אפשר וועסטו נישט מצליח זיין, דעריבער בלייב דא אין פרימישלאן און מאיר'ל וועט גיין פאר דיר שאפן 400 רובל און אזוי וועסטו קענען פארן און זיצן רוהיג אין ארץ ישראל.

ר' **יוסף ברוך** דאנקט דעם רבין און גייט אריין דערווייל אין בית המדרש על התורה ועל העבודה ביז דער רבי וועט אים שאפן די געלט. עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג און ר' **יוסף ברוך** זעט ווי מענטשן קומען און גיין פון רבין אבער דער רבי רופט אים נאך נישט אריין, אזוי איז אריבער 4 וואכן און ר' **יוסף ברוך** איז געגאנגען צו די חסידים זיך אויסרעדן אפשר האט דער רבי פון זיין גרויס טרדות פון אים פארגעסן? האבן זיי געענטפערט חס ושלום, דער רבי פארגעסט נישט און אז ער האט דיר צו געזאגט וועט ער העלפן נאר די צייט איז נאך נישט געקומען. ר' **יוסף ברוך** דאגה'ט וואס טוט זיך מיט זיין ווייב, און איז מחליט ער גייט אריין צום רבי'ן, און צו זיין וואונדער גיט איהם דער רבי א ברייטער שלום עליכם אזוי ווי ער האט אים לאנג נישט געזען, און פרעגט וועגן וואס איז ער געקומען קיין פרישמישלאן און וואס ער האט געדארפט? ר' יוסף ברוך זעט יעצט אז דער רבי האט שוין פארגעסן פון זיין בקשה און זאגט איבער זיין גאנצע בקשה און דער רבי ענטפערט איהם די זעלבע זאך פון דעמאלטס!

זאגט אים ר' **יוסף ברוך** עס איז שוין אריבער 4 וואכן און דער רבי האט מיר נאך נישט געהאלפן! זאגט איהם דער רבי עס איז נאך נישט געקומען די צייט, און פונקט אינמיטן רעדן הערט מען קלאפן אויפן טיר און א גרויסער גביר האט געוואלט אריינגיין צום רבין און ער שטייט ביי די טיר ווארטן אז ר' יוסף ברוך זאל ארויסגיין כדי ער זאל קענען רעדן מיטן רבי פריוואט, אבער דער רבי הייסט איהם אריינקומען און זאגט איך וויל אייך דערציילען א מעשה, הערט זיך גוט צו.

נישט ווייט פון דא וואוינט א גרויסער גביר וואס האט אלעם וואס ער דארף. א ווארימע הויז, באדינערס, אבער ווען עס קומט צו צדקה איז ער זייער פארשטיינערט, די באדינערס האבן כסדר רחמנות געהאט אויף די ארימעלייט, אבער האבן מורא געהאט פון גביר און זיי שיקן די ארעמלייט צו א שכן, דער שכן איז נישט געווען א עושר אבער ער האט געהאט א גוטע הארץ און האט אלעמען אויפגענומען שיין און יעדן געגעבן צדקה.

דערווייל איז געוואקסן די צאל מענטשן וואס זענען געקומען צום שכן און ער האט געמוזט בארגן געלט כדי צו קענען געבן צדקה. דערווייל איז אין הימל געווארן א רעש, היתכן דער גביר וואס אים פעלט גארנישט ווארפט ארויס די ארימעלייט און דער שכן מוז גיין בארגן געלט צו געבן מיט א אפענע הארץ! האט מען געוואלט צו נעמען די עשירות פון גביר און דאס געבן פארן שכן. אבער א מלאך מליץ טוב האט געזאגט מען זאל געבן דעם גביר נאך א נסיון אפשר וועט ער תשובה טאן. עס האט זיך געמאכט א קאלטע ווינטער נאכט מיט א שווערע רעגן און ביים טיר פון גביר קלאפט א ארימער מענטש וואס שטייט דארטן דורכגעווייקט פון רעגן און בעט מען זאל איהם אריינעמען, ער בעט נישט קיין עסן נאר זיך אויסטריקענען. די באדינער'ס האבן רחמנות געהאט אויף דעם איד און אים אריינגעלאזט. אבער ווען דער גביר האט דערזען דעם ארימאן האט ער זיך אויפגערעגט און געזאגט דעם מענטש ברענגט אריין בלאטע ביי מיר אין שטוב! און געהייסן ארויסווארפן דעם ארימאן און איהם שיקן צום שכן.

די באדינער'ס האבן נישט געהאט א ברירה און דאס געטאן, דערווייל אין הימל האט שוין דער מלאך טוב געדארפט שווייגן און יעצט האט מען געוואלט ארויסגעבן א פסק אז די עשירות זאל אריבער גיין צום שכן און דער גביר וועט מוזן ארומגיין נאך געלט. אבער מאיר'ל האט געטענה'ט "אין עונשין אלא אם כן מזהירין", מאיר'ל וועט ווייך מאכן דעם גביר און אין הימל האט מען מסכים געווען. זאגט ר' מאיר'ל צום גביר מען האט אין הימל רחמנות געהאט אויף דיר, און דיר געשיקט צו קומען צו מיר, דא שטייט א איד וואס דארף 400 רובל, דאס איז א גרויסער סכום געלט, און אויב דו וועסט אים דאס געבן, איז גוט, און אויב נישט!! דער גביר איז אוועק געפאלן און געחלש'ט. נאך דעם ווען מען האט איהם אויפגעוועקט האט ער געשריגן: "רבי אלעם וואס דו זאגסט איז ריכטיג איך וויל תשובה טאן!" און ער זאגט ער גייט שוין ברענגען די פיר הונדערט רובל.

דער רבי ווארט און ביז א קורצע צייט האט דער גביר געברענגט די 400 רובל און דער רבי האט דאס איבערגעבן פאר ר' יוסף ברוך. האט ר' מאיר'ל אויסגעפירט צו ר' יוסף ברוך, אז באמת וואלט איך דיר געקענט געבן די געלט אסאך פריערט, אבער איך האב געוואלט אויך מקיים זיין נאך א חסד מיטן גביר און טאן צוויי חסדים אויף איינמאל, דעריבער האב איך געווארט ביז יעצט. פָאר לחיים ולשלום. ר' יוסף ברוך האט געדאנקט דעם רבין און איז אהיים געפארן מיט די גוטע בשורה פאר זיין ווייב, זיי האבן שוין געהאט גענוג אויף איינקויפן און זיך באזעצן אין א"י על מנוחה ועל הנחלה, און איז געפארן וואוינען אין א"י זיע"א.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

א סידור של"ה דפוס ראשון באלאנגט צו שאצער רבי זצוק"ל פון לאנדאן מיט זיין הגהות פעלט לעצטע פאר דפים, פאר $50000, ספר תיקוני זוהר באלאנגט צום בני שלישים פון קאסאן מיט פיל הגהות בכת"י פון אים $30000, ספר חורב ערשטטער דרוק מיט הקדשה פון מחבר הגאון מורינו ר' שמשון רפאל הירש $5000, ספר בית אהרן דפוס ראשון בראדי תרל"ה מיט ברייטע גליונות באלאנגט צו משפחה פון הרה"ק ר' מרדכי מנאדבורנא $3000, ספר גנזי יוסף תלמיד המגיד דפוס ראשון, ספר אור החכמה דפוס ראשון עם חתימת החסד לאברהם ראדאמסק $18000, גמ' זיטאמיר מיט חתימת הרה"ק ר' יחיאל מקרילאוויץ בן הרה"ק מזינקוב וגם שייך לגיסו הרה"ק ר' נפתלי בהרה"ק ר' יהושע מבעלזא $15000, ספר תולדות אהרן דפוס ראשון בארדיטשוב, א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות $13000, א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי"ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו $1800, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- http://ladaat.info/gilyonot.aspx אדער אויף לדעת ברענגט אריין אייער גוטע ספרים פארוואס זאלט איר באצאלן פאר שֵמות, מיר קענען אפנעמען ביי אייך א גרעסערע קוואנטום